מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה׳ למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה״ח רבי דוד אייזנבאך שליט״א

• גיליון ט״ז פרשת כי תצא - תשע״ט •

## דער גאנצער לעבן א גרייטונג אויף דעם מלחמה מיטן יצר

מיר שטייען דא פרשת כי תצא ס׳ווערט ארום גערעדט דער ענין פון א מלחמה. און וואו באוואוסט אז במלחמת היצר הכתוב מדבר. אונז ווייסן אז אונז האבן א גרויסע מלחמת היצר. אויב אזוי לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין ווי אזוי פירט זיך באמת א מלחמה?

### א מלחמה דארף א גרייטונג פאראויס

טאמער מ׳וועט זיך מתבונן זיין וועט מען זעהן. א מיליטער קען זיך לערנען און לערנען אויף א מלחמה לאנגע יארן, כדי טאמער ווען ס׳וועט קומען א מלחמה זאל מען שוין זיין גרייט פונקט וואס צו טוהן. איז דער טייטש מ׳לערנט זיך אויף א פאלשע זאך, ווען ס׳קומט די אמת׳ע מלחמה האט מען די כלים צו דעם. א באוואוסטע זאך.

די זעלבע זאך טאמער אונז וועלן זיך מתבונן זיין אין אונזער מלחמת היצר, וועלן אונז זעהן אז ס׳איז ממש אזוי.

א קינד אין די קינדערישע יארן אפילו ער איז נאך נישט מחויב במצוות, אבער, מ׳לערנט אים אויס. - אז אונז קענען דעם יסוד פון חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו (משלי כב, ו), אלץ קינד לערנט ער זיך אויס א זאך ווען ער איז נאך נישט מחויב, אבער אויף דעם לערנסט ער זיך, און צום סוף ווען ס׳וועט קומען דער יצר הרע און ער וועט שטיין בשעת קשרי מלחמה וועט ער שוין האבן עקספיריענס ווי אזוי זיך צו פירן ווייטער.

ממילא, ווען א מענטש וואלט געוואוסט אז באמת די נקודת המלחמה איז נישט בשעת מלחמה, ווייל בשעת מלחמה מוז ער שוין ממש זיין גרייט. אונז האבן א באוואוסטע גמרא (ברכות ה, א) לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, וואס הייסט לעולם? פשוט וואלט געדארפט שטיין אז ווען ס׳קומט דער יצר הרע זאל ער מרגיז זיין דעם יצר טוב. אבער די גמרא לערנט אונז נישט אזוי, נאר, ניין! לעולם! אלעמאל! דארפסטו זיך לערנען און לערנען און לערנען, און דאס איז א מושג פון זיך אריינברענגען כאילו יעצט. א מענטש וואס ליידט אויף כעס, זאל זיך פארשטעלן כאילו ער גייט יעצט ווערן אין כעס און ער איז זיך מתגבר אויף דעם. ער ליידט אויף כל מיני ״מידות טובות״ - לאמיר עס רופן בלשון מכובד, ער האט כל מיני מידות וואס ער דארף זיך מתגבר זיין אויף דעם, און ער לערנט זיך ווען ער איז נישט פארדרייט מיט די מידות, אז ווען ס׳וועט זיך ערוועקן די מידות זאל ער זיך ערוועקן אנקעגן דעם.

ס׳ידוע, אז ווען א מענטש האט א ניסיון נעמט מען אים צו די אלע גרויסע כלים, מ׳רופט עס אין די ספרים הקדושים הסתלקות המוחין. יעצט דארף ער נאר קעמפפן. ער האט נישט די אלע גרויסע השגות וואס ער האט.

### ׳לעולם׳ ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע

ממילא, וואס קומט ארויס למעשה ביי אונז. יעדער איד, און די יונגע יארן איז למעשה במידה מסוימת דער ירגיז אדם אויף די עלטערע יארן. א בחור אין ישיבה גייט דורך כל מיני בין אדם לחבירו וואס ער גרייט זיך צו אז ווען ער וועט האבן א ווייב זאל ער האבן די כלים זיך מתמודד זיין. דאס איז במידה מסוימת ער לערנט זיך אויף די בחור׳ישע יארן, אנהויב די יארן פון נאך די חתונה זיך לערנען אז ווען ער וועט האבן קינדער. יעדן מאל איז דאס אזא הכנה און באמת ווען ער ווערט אלט זעהט מען ווער איז דער מענטש באמת, וואס ער האט אויסגעארבעט. א מענטש ווען ער ווערט אלט, ער פארלירט אסאך סארטן כוחות, אסאך מאל ווערט נתגלה ווער איז דער מהות, צו ער האט באמת געארבעט אין זיין לעבן, צו ער האט זיך נישט אויסגעארבעט אין זיין לעבן.

### גדרים וסייגים - מער ווי געווענדליך

ווי אזוי קענען אונז זיך צוגרייטן מיט די אלע פאלשע מלחמות וואס מ׳פירט?

איז דא אין סור מרע. ס׳איז דא א יסוד קדש עצמך במותר לך (יבמות כ, א), ועשו סייג לתורה (אבות א, א). ווען א מענטש מאכט גדרים וסייגים. א מענטש איז א בעל תאווה אין אכילה, מאכן גדרים וסייגים אין אכילה. קליינע גדרים. אדער - מ׳ברענגט אסאך מאל די דוגמא - א בחור אין א ישיבה, ס׳איז דא דריי סארטן מאכלים, פיר סארטן מאכלים, ער לייגט אריין אין טעלער, גרייט זיך צו דריי מאכלים, ער עסט יעדן מאכל עקסטער. ס׳איז אסאך געשמאקער צו עסן איין מאכל צוזאמען מיט דעם צווייטן מאכל. ס׳איז געשמאק, איינס גיט א טעם אין די צווייטע. מאכט מען א גדר, איך וועל עסן אלעס וואס איז דא, די גאנצע עסן וואס איך דארף, אבער - איך צוטייל עס. יעדער מאכל עקסטער, איך האב נישט די גרעסטע געשמאק. סאיז דא אמאל צו איבערלאזן אין טעלער אביסל, ס׳איז דא פיר מאכלים איך עס יעדן מאל נאר דריי. איינע בין איך עפעס מוותר. איך שנייד עפעס פון מיר אליין. איז ווען ס׳וועט קומען א ניסיון איך וועל דארפן שניידן עפעס וועל איך האבן די כוחות. איז רוף עס שמירת עיניים, אפילו איך גיי ביינאכט אין גאס איך גיי אראפ געלאזט די אויגן, איך בין צוגעוואוינט צו גיין אראפ געלאזט. וואס איז די הגדרה? מ׳געוואוינט זיך צו ווען ס׳איז מותר, איז ווען ס׳קומט ווען ס׳איז אסור האט מען די כוחות הנפש. יעדן מאל, א איד דארף ארבעטן אין כל מיני זאכן מאכן ועשו סייג לתורה, קדש עצמך במותר לך, אדם מקדש עצמו מעט מלמטה - ער טשעפעט זיך אפ - מקדשין אותו הרבה מלמעלה.

די זעלבע זאך אין עשה טוב. ידוע דער תניא ברענגט אראפ (ליקוטי אמרים פט״ו, ד״ה ובזה יובן), אויף די גמרא (חגיגה ט, ב) מאי דכתיב (מלאכי ג, יח): ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע בין עובד אלקים לאשר לא עבדו - אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד. א מורא׳דיגע קשיא, דער איד האט דאך געלערנט מאה פעמים! ווייל יענער האט געלערנט נאך איין מאל הייסט ער עבדו? און אויב נישט הייסט ער לא עבדו?

איז ער מסביר אז דער מושג עבדו, איך בין זיך משעבד איז דער טייטש איך שטרענג זיך עפעס אן וואס איז נישט דער הרגל. איז מסביר דער תניא דער הרגל אין יענע יארן איז געווען צו לערנען הונדערט מאל. דער הונדערט און איינס - דער מערער, דער זיך אנשטרענגען, זיך מתאמץ זיין אין א מצוה. לאמיר זאגן, איך קום אין שול, איך קען זיך מתאמץ זיין אין תפילה, פארלעשן א טלפון וואס מ׳האט געדעדט. דא אמאל דער טלפון ברענט אפילו ער ברענט נישט מ׳זאל מאכן א רעש. אבער יעדער גדר וואס איך בין מער זיך משעבד אין תפילה, וואס איך האב וואלט געקענט נישט זיך משעבד זיין. צו ס׳איז דער מושג פון קומען געגוג פרי, ארויסגיין פינעף מינוט נאכן דאווענען, איך בין מנדב נאך פינעף מינוט קשר צום אויבערשטן איך בין נישט מחויב, איך מאך א גדר אין מיר, נאך פינעף קאפיטלאך תהילים איינער וואס ער איז נישט צוגעוואוינט צו זאגן תהלים. יעדער איינער באשר הוא שם. א וואו ער איז, אבער יעדער עשה טוב, זיך פארמערן. וואס איז דער ועשו סייג לתורה פון עשה טוב, וואס דער מענטש לערנט זיך. ממילא ווען ס׳וועט קומען באמת דער ניסיון אין עשה טוב - וועט ער האבן די כוחות אנקעגן.

***למעשה - זיך גרייטן פאראויס צום מלחמת היצר***

וואס קומט אויס למעשה, מיר זאלן זיך מחזק זיין אין דער ענין פון זיך לערנען און אויספראבירן אויף די מלחמה וועט מען קענען אויכעט ביי שטיין ווען ס׳וועט קומען די מלחמה.

עד כדי כך, אז אונז טרעפן טאקע ביי די פרשה, אז ווען איינער זעהט א יפת תואר בשביה, האט שוין די תורה נישט געהייסן אז ער זאל פורש זיין ממנה. לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע. יעצט קענסטו נישט, אין א מינוט קען מען נישט שטיין אין די מלחמה. שפעטער וועסטו איר אהיים נעמען, וועסט זיצן א חודש אין דיין שטוב הייבט זיך אן א נייע סארט סדר המלחמה, ווייל דו קענסט זיך טאקע לערנען. אבער אין די סקונדע ווען ס׳פאלט דער ניסיון ווען דו האסט נישט געווען גרייט - שטייט נישט די תורה קעגן דיר מיט אזא שטארקייט. וואס הייסט? לערן זיך, לערן זיך אויס פון א מלחמה און אזוי פיר דיין מלחמת היצר, און די מלחמת הרשות. א מענטש דארף נאך פירן די מלחמה במקום הרשות, וועט קומען אין מלחמת מצוה וועט ער האבן די כוחות. ווי מער ער וועט פירן א גוטע מלחמה אין מלחמת הרשות במותר לו, ווען ס׳וועט קומען א מלחמת מצוה וועט ער קענען שטיין אין דעם.

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן טאקע פירן די מלחמה ווי ס׳דארף צו זיין, און מנצח זיין די מלחמה ווי ס׳דארף צו זיין.

ידוע וואס איך האב געהערט פון מיין רבי׳ן - איך האב אסאך געהערט ביי ר׳ נטע פריינד - ער פלעגט חזר׳ן ס׳גייט א פאטש פאר א פאטש, אזוי גייט די מלחמת היצר א גאנצן לעבן, דער עיקר ווער ס׳גיט דעם לעצטן פאטש. און די יסוד איז, אז כל זמן א מענטש ווייסט אז ס׳איז א פאטש פאר א פאטש, איז אפילו ווען ער האט געכאפט דעם פאטש ווייסט ער אז איך דארף נאך אפווארטן און צוריק געבן א פאטש. דער עצם אפווארטן אוןווארטן אויף די מינוט ער זאל צוריק געבן דעם פאטש, דער עצם נישט אויפגעבן און וויסן ס׳איז א מלחמה - דאס איז די גרעסטע מתנה וואס א איד קען האבן, נישט אויפגעבן. איך לעב ביז ווען איך וועל פארמאכן אויגן האב איך תאוות ממון, מיט אלע תאוות וועט מיר באגלייטן, ס׳איז נישטא אזא זאך אנטלויפן פון יצר הרע, ס׳דא אזא זאך דינען דעם אויבערשטן מיט די כלים, מיטן יצר הרע דינען דעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן טאקע דינען דעם אויבערשטן ווי ס׳דארף צו זיין.

# פערציג טעג פון חודש אלול ביז יוה"ק

ווי באוואוסט (ראה בטושו"ע או"ח תקפ"א ובנושאי כליהם) אז פון ר"ח אלול הייבן זיך אן די פערציג טעג פון די ימי רצון פאר די אויבערשטן וואס משה רבינו איז ארויף אויבן אין הימל צו באקומען לוחות שניות.

אונז זענען צוגעוואוינט אז פערציג טעג - ווי באוואוסט פון רעבע ר' מיילך - איז א זאך וואס קען מאכן תיקון המידות. ס'ווערט א הרגל נעשה טבע שני, ס'איז משפיע אויף דער מענטש.

***די גשמיות אמאל און היינט***

אבער, אונז ב"ה, אונזער דור בפרט, האט זייער א גרויסע פראבלעם אין די גאנצע נושא פון פערציג טעג. אונז זענען צוגעוואוינט אז אלעס לויפט. אלץ גייט שנעל, און א מענטש - אין מושג פון עסן, ביז ממש נישט אסאך יאהרן צוריק, א מענטש פלעגט האדוועון הינער, און ס'איז נישט געווען קיין פריז'ידער. א מענטש האט געוואלט צוקומען צו עסן, האט עם געווארט גאהר אסאך ארבעט.

פון שחט'ן דעם הינדל אדער די בהמה, ביז ווען ס'איז געלעגן אין טעלער איז דורך געגאנגען א לאנגע עבודה. מ'האט געשאכט'ן יו"ט, ביז ממש נישט מיט צו פיל יאהרן צוריק. מ'האט נישט געקענט גארנישט טוען.

היינט, א מענטש האט נישט צייט צו ווארטן מער ווי 60 סקונדעס זאל ליגן א טעלער גרייטע עסן. מ'נעמט ארויס פון פריזער, און ס'איז היינט דא מאשינען וואס ביז 2 מינוט - ביז ווען די מענטש וואשט זיך צום עסן, און ער זאגט דעם "המוציא" איז שוין גרייט די גאנצע זאך.

צו ס'איז אין עסן, צו ס'איז אין ריינקייט, ס'איז שוין דא מענטשן וואס וואשן כמעט נישט בגדים - מקויפט נייע. אלעס גייט אויף זייער א שנעלע אופן. יעדער איינער אין זיין וועלט.

ס'איז אים הייס, ער געט א קוועץ' אויפן קנעפל, גלייך ברענט אן "עייר קאנדישן". ס'איז עם קאלט - ער געט א קוועץ' די קנעפל. יעדער זאך - ס'גייט קנעפלאך און ס'פארט די זאכן, אלעס פליט!

אין זאך איז נישט געווארן אנדערש - רוחניות.

ס'איז דא ספרים, וואס מ'גיט א קוועץ' א קנעפל און ס'עפנט זיך א נייע ספר. ער זוכט די מראה מקום, ער האט די מראה מקום. אבער ער דארף דאס לערנען, ס'פליט נישט אריין אין מוח, נישט דא א קנעפל וואס א גאנצע ספר גייט אריין אין קאפ. און נישט קיין מסכתא און נישט קיין בלעטער - אלעס דארף א יגיעה. אין רוחניות גייט אלעס לאנגזאם.

***פערציג טעג - נישט אויף צו מייאש זיין***

מ'וועט צוריק גיין צו די נקודה פון די פערציג טעג.

וועט א מענטש זעהן די פערציג טעג, ער גייט עסן, שלאפן, און דאווענען. און ס'איז ימי רצון. וואס הייסט ימי רצון? אזוי ווי אונז טרעפן אז כדי א מענטש זאל זיין א אמת'ע סאלדאט, דארף ער זיך לערנען, און ווען ס'וועט קומען די מלחמה וועט ער האבן כוח. אזוי, איז ווי א קינד ביז די בר מצווה "חנוך לנער על פי דרכו" ימי חינוך.

מיר טרעפן אפילו ביי די ביהמ"ק, די העכסטע מדרגה איז געווען - שבעת ימי המילואים. מ'לערנט זיך. א גוי וויל ווערן א איד, איז דא גאנצע סדר גיור, ס'גייט נישט שנעל. קבלת התורה - איז געווען די ימי ההגבלה, די הכנה צום קבלת התורה.

נאך מער, מ'טרעפט א מורא'דיגער יסוד, אז ביי רוחניות גייט נאר יגיעה מיט מציאה.

אונז רעדן יעצט, פון די דריטע פערציג טעג וואס משה רבינו איז געווען אויבן אין הימל. לאמיר זיך מתבונן זיין אין די ערשטע צוויי פערציג טעג:

די גמ' זאגט (נדרים לח, א) אז די ערשטע פערציג טעג וואס משה רבינו ע"ה איז געווען אויבן אין הימל האט ער יעדן טאג געלערנט און פארגעסן די גאנצע. און ער איז געגאנגען אראפ קומען נאך פערציג טעג, זאגט ער פאר דער רבש"ע: איך גיי אראפ מיט גארנישט! "ישמח משה במתנת חלקו" - ער האט באקומען א תורה במתנה? וואס איז? פארגעסן די פערציגסטע טאג אויכעט, און מ'האט עם געגעבן א מתנה - די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט, בתור א מתנה. ער איז געווען א 'יגעת' פון איין זייט, און 'מצאת' פון די צווייטע זייט.

און, די צווייטע פערציג טעג, ביז ווען ער בעט איבער דעם אויבערשט'ן, געדויערט אויך פערציג טעג. כביכול דער אויבערשטער קען נישט שנעלער? ער קען שנעלער פון וואס אונז קענען דערגרייכן, אבער רוחניות גייט מיט צייט.

***יעדער חלק פון די פערציג טעג - א געוואלדיגער נחת רוח פארן באשעפער***

היוצא מדברינו, אונז שטייען אין די פערציג טעג. מ'הייבט אן די ליכטיגע פערציג טעג, פון ר"ח אלול ביז יו"כ. יא! ס'איז געבויעט פון אסאך טעג, אבער מען מוז זיין קלאר. נארמאל א מענטש טראכט, 'אויב איך וועל די גאנצע פערציג טעג זיין ערליך - וועל איך קומען צו די מטרה אז מ'וועט מיר מוחל זיין יו"כ. און טאמער איין טאג האב איך זיך פאקלאצט איז דאך שוין נישט קיין פערציג טעג, און אויב ס'איז נישט קיין פערציג טעג, בין איך שוין די זעלבע מענטש ווי אמאל. א.א.וו.". הונדערט תירוצים.

מצד אחד, דארף נעמען די פערציג טעג, טייטשען אז ס'איז מורא'דיגע פערציג טעג. מצד שני דארף מען וויסן אז מ'דארף דאס טיילן אויף צוויי: לגבי דער מענטש, און לגבי צוברעכן זיינע מידות - נעמט צייט. לגבי שכר ועונש, לגבי די עצמיות פון די מענטש, משנה זיין די מענטש - געדויערט צייט.

אבער, פאר וועמען גייט ער זיך משנה זיין? דאס איז די וויכטיגקייט דא - פאר'ן אויבערשט'ן. לגבי דער אויבערשטן איז יעדע קליינקייט, יעדע מינוט פון די פערציג טעג, איז שוין דא דא א מטרה וואס רופט זיך: "קרבת ה'" "ואני קרבת אלקים לי טוב" (תהלים עג, כח) און ער איז זוכה אפילו צו דביקות. ווייל די מינוט איז "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום" (דברים ד, ד) דער יום איז א חיים וואס איז אין דבקות.

אפילו ער עסט, און טרינקט, און ער פירט א 'פשוט'ע דינסטאג', ס'איז נישט קיין 'פשוט'ע דינסטאג' ס'איז א דינסטאג אין די פערציג טעג, וואס יעדע ריר וואס ער רירט זיך איז מורא'דיג, און יעדע מינוט איז דבקות.

***פערציג טעג פון האנהייבן ברעכן די מידות***

און דאס איז טאקע די עצם שינוי אן די פערציג טעג, אז ער לעבט אין די פערציג טעג מיט א יסוד, אז יעדע מינוט פון די פערציג טעג, האט א מורא'דיגע חשיבות. און ווען ס'וועט זיך ענדיגן די פערציג טעג, וועט ער זעהן אלעס וואס ער האט מצליח געווען אלץ צו צאמנעמען.

אבער, ס'איז טאקע א מלחמה פון נאכאנאנד, יעדע מינוט קומט דער 'בעל דבר' און זאגט: 'אה, האסט זיך פארגעסן!'. אבער דער ענטפער איז: 'איך האב זיך טאקע פארגעסן, אבער איך בין אין די חשוב'ע פערציג טעג, און יעדע מינוט ביי די פערציג טעג, האט ביי מיר א 'חשיבות' פארוואס? אבער דו האסט שוין נישט געבראכן די מידה. דער יצר הרע זאגט אלץ נאכאנאנד: 'דוד! האסט דאך נישט געהאט פערציג טעג נאכאנאנד'. זאג איך: 'איך האב יעצט פערציג טעג, צו אנהייבן נאכאנאד, איין זאך האב איך שוין יא, אז יעדן טאג האב איך פראבירט צו ברעכן די מידה וואס איך ארבעט אויף דעם - איז שוין פערציג טעג, וואס איך פראביר אנהייבן צו ברעכן די מידה, און מיט דעם וועל איך געווינען דעם יצר הרע'.

דער יצר הרע זאגט: 'דו וועסט קיינמאל נישט צוברעכן די מידה, ער זאגט דאס מיט א משל, דו וועסט אויפשטעלן א קעסל וואסער וואס ס'דארף געדויערן א שעה צייט דאס צו קאכן. וועסט דאס אנווארעמען צעהן מינוט און פארלעשן, מארגן נאכאמאל - ס'וועט קיינמאל נישט קאכן'. - ריכטיג!

איך וועל אים זאגן: 'האסט מיר געווינען, אבער ב"ה, איך האב זיך שוין אויסגעלערנט צו קאכן יעדן טאג צען מינוט א קעסל וואסער, און מיט דעם האב איך דיר געווינען!' און ביי דער אויבערשט'ן - די צען מינוט האט א גרויסע חשיבות.

דער יצר הרע אלע מאל קומט צו די מענטש נאך די פערציג טעג און זאגט: 'אה, דוד, האסט נישט געבראכן, האסט נישט געארבעט פערציג טעג!' וועל איך עם ענטפערן: 'איך האב פערציג טעג, יעדן טאג, אנגעהויבן ברעכן מידות, האב איך קונה געווען א מידה פון פראבירן אנהייבן ברעכן מידות! און דאס האב איך יא פערציג טעג'. און אויב איך האב נאר צוואנציג טעג, וועל איך עם זאגן: 'איך האב טאקע צוואנציג טעג יא פארגעסן, איז האב איך שוין צוואנציג. און איך וועל האבן נאך צוואנציג טעג צו פראבירן אנהייבן פארעכט'ן א מידה'.

***יעדער מינוט פון די פערציג טעג***
***א ציל פאר זיך***

היוצא מדברינו למעשה, אז די פערציג טעג, איינער פון די זאכן דארף מען וויסן אז יעדע מינוט איז שוין די מטרה אין קרבת ה', אין דבקות און זעהן טאקע, צו אריין כאפן אין די טעג, ווי מער פון אוצרות פון יעדע מינוט, און געדענקען די חשיבות פון די מינוט'ן און דאס אנפילן.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**